30 אומות־העולם? געוויס, אויך פון די אומות־העולם;
ווייל ג־ט איז איינער, וואָס וועט רעכטפערטיקן
דעם געמלטן פון אמונה און דעם נישט־
31 געמלטן דורך אמונה: צי מאַכן מיר, דען די תורה
בטל דורך אמונה? חס ושלום! נאָר מיר
באַשטעטיקן די תורה.

## קאַפּיטל פיר

1 וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן וועגן אברהם אבינו?
2 וואָס האָט ער דען דערגרייכט לויטן פלייש? ווארום
אויב אברהם איז גערעכטפערטיקט געוואָרן דורך
מעשים (טובים), האָט ער עפּעס, מיט וואָס זיך צו
3 באַרימען, אָבער נישט פאַר ג־ט. ווייל וואָס זאָגן
די כתבי (הקודש)? אברהם האָט געגלויבט ג־ט און
דאָס איז אים פאַררעכנט געוואָרן צו גערעכטיקייט.
4 (בראשית טו, ו.) דעם אַרבעטער אָבער ווערט דער לוין
5 נישט פאַררעכנט אַלס חסד נאָר אַלס אַ חוב. אָבער
דעם, וואָס אַרבעט נישט, נאָר גלויבט אין אים, וואָס
מאַכט גערעכט דעם רשע, ווערט זיין אמונה אים
6 פאַררעכנט צו גערעכטיקייט. דוד רעדט אויך
אַזוי איבער דער גליקלעכקייט פון דעם מענטשן,
וועמען ג־ט פאַררעכנט גערעכטיקייט אָן
אויף מעשים (טובים):
7 וואויל איז די, וועמעס אומגערעכטיקייטן
זענען פאַרגעבן געוואָרן און וועמעס זינד
8 זענען פאַרדעקט געוואָרן; וואויל איז דעם
מענטש, וועמען דער האר ג־ט רעכנט נישט
צו קיין זינד: (תהלים לב, א׳, ב׳.)
9 צי איז דען די דאָזיקע גליקלעכקייט פאַר דעם